## אַ שטאָט־פֿרימאָרגן / לייב נײַדוס

דער בלוי־פֿאַרנעפּלטער באַגינען
קוקט אין די פֿענסטער שוין אַרײַן,
און קלאָרער לויכטן די רובינען
פֿון קאַלטן אויסגעשפּריצטן ווײַן.

די שויב ווערט דורכזיכטיקער, בלויער,
אָט פֿאַלט פֿון ווו אַ בלאַסער שטראַל,
און אויף דער ערד פֿלאַמט־אויף געגנויער
דער דין־צעברעקעלטער באָקאַל.

צעקנייטשטע, אויסגעלאַכטע רויזן
צעוואָרפֿן ליגן לעבן שוועל, —
ווי זייער סוד וואָלט ווער אַנטבלויזן
און לאָזן נאַקעט זייער זעל.

זי שלאָפֿט אין בעט מיט הענט צעשפּרייטע
אין מידער, אָנמעכטיקער פּראַכט,
די לאָקן שוואַרצן זיך, צעווייטע
ווי בלומען זינדיקע פֿון נאַכט.

עס חלומט פֿרעך איר מויל האַלב־אָפֿן,
די ברוסט צעפֿאַלבט דאָס ווײַסע העמד,
די אָרעמס אירע רויִק שלאָפֿן,
און בלאַנקען קאַלט און בלאַנקען פֿרעמד.

## בֹּקֶר עִירוֹנִי / לייב ניידוּס

עברית : ישׂראלה בקר

הַשַּׁחַר — תְּכוֹל וַעֲרְפִלִּים —
בַּחַלּוֹנוֹת זוֹרֵחַ כְּבָר.
זוֹהֶרֶת אֹדֶם חַכְלִילִית,
צְלוּלָה מִכָּל לַמְּבְרוּסְקוֹ קַר.

הוֹפֶכֶת הַשִּׁמְשָׁה שְׁקוּפָה,
הִנֵּה מוּטָל פַּס אוֹר חִוֵּר,
וְעַל הַקַּרְקַע — לֶהָבָה:
גָּבִיעַ מְנֻתָּץ בּוֹעֵר.

וְרָדִים כְּמוּשִׁים וְנִכְלָמִים
מְפֻזָּרִים עַל־יַד הַסַּף, —
כְּמוֹ אֶת סוֹדָם גִּלָּה אֵי־מִי,
אֶת נִשְׁמָתָם עִרְטֵל, חָשַׂף.

שְׁנָתָהּ — שְׁנַת הוֹד כְּבַד־אֵיבָרִים,
פְּשׁוּטַת־זְרוֹעוֹת, הַתַּלְתַּלִּים
קוֹדְרִים וּמְבֻיָּשִׁים פְּזוּרִים
כְּמוֹ הַפְּרָחִים הַהוֹלְלִים.

פָּתוּחַ פִּיהָ בְּמְשׁוּבָה,
חָזָהּ מוֹעֵךְ חֻלְצָה צְחוֹרָה.
נָמוֹת יָדֶיהָ בְּשַׁלְוָה,
וּבִנְהָרָה קָרָה, זָרָה.

| | |
|---|---|
| דער טאָג רוקט נענטער צו זײַן פּנים | הַיּוֹם מַצְמִיד אֶל הַשִּׁמְשָׁה |
| צום שויב. ס'איז לאַנג אַוועק די נאַכט. | פָּנִים. הַלַּיְלָה תַּם־עָבַר. |
| ס'וואַכט ערגעץ אויף אַ גלאָק — כ'דערקען אים: | וּפַעֲמוֹן מֵעִיר אֵי־שָׁם: |
| דאָס שלאָגט דער טורעם־זייגער אַכט. | שְׁעוֹן־הַמִּגְדָּל הוּא — שְׁמוֹנֶה כְּבָר. |

יעקאַטערינאָסלאַוו, 1915
(פֿון *ליריק*)

תל־אביב, מרץ 2025